גליון
# חיים נצחיים
א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

גליון 05 | פרשת **אמור** תשע"ט | **ל"ג בעומר**

## "ל"ג בעומר" – א יום-טוב פון וואס?

ארויסגענומען פון: כוכבי אור, שיחות וסיפורים, י"ז

**וואס איז די גרויסע שמחה פון ל"ג בעומר? וואס איז דער באדייט פון 'התקשרות לצדיקים? פארוואס דארף מען זיין מקושר צו א צדיק?**

דער טאג פון ל"ג בעומר - זעען מיר - איז ממש אנגענומען געווארן ביי כלל ישראל אזויווי א יום-טוב. דאס איז נישט קיין טראדיציע וואס איז נארוואס לעצטנס איינגעפירט געווארן, נאר דאס געפונען מיר נאך פון גאר פריערדיגע הייליגע צדיקים.

ווי באקאנט - ברענגט רבי חיים וויטאל: "איך האב געזען מיין הייליגע רבי (דער אר"י הקדוש), אז ער איז אהין געגאנגען אין די טאג פון ל"ג בעומר... און ער האט געמאכט דארט א 'יום משתה ושמחה'"! אזוי אויך איז דאס באקאנט פון אסאך אנדערע פריערדיגע גרויסע צדיקים. אצינד וואלט איך אייך געוואלט פארלייגן אזא שאלה: וויאזוי וואלט איר מגדיר געווען די מהות און די יום טוב פון דעם גרויסן טאג?

אז מיר כאפן א בליק אין די ספרים הקדושים, באגעגענען מיר זיך מיט אסאך טעמים און הסברים. אבער אחוץ פון די אלע טיפע סודות איז פארהאן איין פשוט'ע באדייט וואס שרייט ארויס פון זיך אליין: דאס איז א טאג פון '**התקשרות לצדיק!**' א טאג אין וואס מען האט ליב דעם צדיק און מען פריידט זיך מיט אים!

אויב לענגאויס די יאר זענען פארהאנען אזעלכע וואס דער מושג פון 'התקשרות לצדיק' און 'אהבת הצדיק' איז גאר ווילד און פרעמד אין זייערע אויגן און צומאל נאך אפילו פארדעכטיגט... אבער אין דעם טאג פון ל"ג בעומר, 'פאלן' זיי אויך אומוויסנד אריין אין 'זיך מקשר זיין מיט די נשמה פון א צדיק... פלוצלינג טרעפט מען זיי אליין טאנצן און שפרינגען ארום א גרויסן פייער, און זינגען ניגונים, לכבוד... 'רבי שמעון בר יוחאי'!

שטעלט אייך פאר, איר וועט זען אינמיטן יאר א ברסלב'ע חסיד ווי ער צינדט אן א לעכט פאר זיין רבי, און ער לאזט זיך ארויס אין א פייערדיגן ריקוד, אונטערזינגענדיג זיך לעבעדיג "רבינו נחמן בן שמחה נמשחת אשריך"! מען וואלט ארויסגעקומען קעגן אים און אים שטארק פארשריגן. אין בעסטן פאל וואלט מען אים אריינגעפירט גראד אין שפיטאל אריין...

ל"ג בעומר אבער, טאנצט יעדער ארום די הדלקה: "בר יוחאי נמשחת אשריך"... אין דעם טאג ווערט פלוצלינג אנטדעקט פאר אלעמען, דער כח און דער וויכטיגקייט פון 'התקשרות לצדיק'! דערפאר, לאמיר זען וויאזוי הרה"ק רבי אברהם ב"ר נחמן (בעל מחבר ספה"ק 'ביאור הליקוטים', ו'כוכבי אור') שטעלט פאר וואס דא שפילט זיך אלץ אפ.

**דו ביסט ווייט פון 'השגת התורה'? דו וואלגערסט זיך נאך אין דיינע תאוות און מידות רעות נישט זעענדיג אויפן האריזאנט די טאג אין וועלכע דו וועסט נאך אמאל זוכה זיין צו קענען משיג זיין סודות התורה? – איין עצה איז פארהאן:**

ווי באוואוסט, האט רשב"י זוכה געווען זיך צו מקדש זיין מיט אזא אויסטערלישע קדושה ביז ער האט זוכה געווען משיג צו זיין אזוינע סתרי תורה וואס דער וועלט האט נאכנישט געזען און געהערט. אבער אינאמת'ן אריין, האט אונז אלע דער אייבערשטער באשאפן מיט א 'חלק אלקי ממעל' וואס אט דער חלק אלקי ממעל איז אראפגעשיקט געווארן מיט די אויפגאבע און מעגליכקייט זיך אויסצורייניגן און מקדש זיין די קערפער אזוי שטארק, אזש מיר אלע וואלטן זאגאר געדארפט קענען ארויפגיין און זיך אנשעפן מיט אט די געוואלדיגע הויכע פנימיות התורה - געגנוי אזויווי רשב"י.

אין פאקט אבער, איז נישט יעדער זוכה דערצו; דורכאויס די היסטאריע זענען געווען גאנץ קנאפע "רבי שמעון בר יוחאי'ס"... נישט נאר מיר זענען נישט זוכה, נאר אנשטאט דעם, לאזט זיך מיט אונז אויס דאס פונקט פארקערטע... די טעג גייען אריבער, בשעת מיר וואלגערן און טינקען זיך אין די בלאטע פון די תאוות, איבערלאזנדיג די מח און די הארץ פוסט און לער פון יעדע ברעקל ליכטיגקייט און פון יעדע העכערע סארט באגריף.

נו, איז וואס טוט מען? עס קומט דאך שוין באלד דער יו"ט שבועות, מיר דארפן דאך מקבל זיין די תורה מיט פרישע השגות און ליכטיגקייטן, אבער מיר זענען דאך אזוי ווייט - געוואלד! וואס טוט מען דא?

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***ובא השמש וטהר ואחר***
***יאכל מן הקדשים***
*(ויקרא, כ"ב, ז')*

היינו, זה שהתייגע כל ימיו ולא נפל בדעתו מכל מה שעבר עליו והתחזק ברצון, שזה בחינת "טבילה במקוה" - שהתחיל בכל יום להיטהר עצמו, אזי אע"פ שלא עלתה בידו להיטהר בשלימות (וכעין מה שארז"ל (יומא פ"ו), שיש כמה שאע"פ שעשו תשובה והיה להם יסורים, עדיין תשובה ויוכ"פ ויסורין תולין עד יום מותם שמכפר). אעפ"כ לית רעותא טבא דאיתאביד, מכל שכן דיבור טוב ומעשה טוב, וסוף-כל-סוף יושלם טהרתו אחר **ביאת שמשו** דהיינו בעת פטירתו, ואזי **יאכל** מן הקדשים שהוא חלקו הטוב לעוה"ב:
*(ליקוטי הלכות, ברכת השחר ה"ה, אות מ"ב)*

### ל"ג בעומר

***כי לא תשכח מפי זרעו***
*(דברים ל"א, כ"א)*

מובא בדברי רז"ל (שבת קלח:): כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו: עתידה תורה שתשתכח מישראל, ורשב"י אמר שלא תשתכח; שנאמר: "כי לא תשכח מפי זרעו". ועתה בוא וראה, כי ע"כ סמך עצמו רשב"י ע"ז הפסוק "כי לא תשכח מפי זרעו", כי בזה הפסוק בעצמו מרומז, שע"י זרעו של מי שהוא מרומז בזה הפסוק, שהוא התנא יוחאי, ע"י זרעו שהוא 'רבי שמעון' על ידו לא תשתכח התורה מישראל. כי סופי תיבות של זה הפסוק: כ'י ל'א תשכ'ח מפ'י זרע'ו - הם אותיות 'יוחאי' (ע"פ מה דאיתא בזוה"ק (נשא קכ"ד:) בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר יפקון ביה מן גלותא):
ודע שהסוד של התנא הקדוש רבי שמעון בעצמו הוא מרומז בפסוק (דניאל ד'): ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית - ר"ת שמעון:
*(ליקוטי מוהר"ן, בתחילתו, לכו חזו)*

***מה מקוה מטהר את המטאים***
*(יומא, פ"ח, מ"ט)*

לכאורה צריך ביאור; איזה משמעות רוצה ר' עקיבא ללמדנו בזה שמדמה טהרת הקב"ה לישראל - למקוה שמטהר את המטאים? לכאורה היה לו לומר בסתם ש"הקב"ה מטהר את ישראל" ותו לא? ואפשר לומר, כי כמו כשאדם נטמא וטבל עצמו במים, ואח"כ נטמא עוד הפעם וטבל עצמו עוד הפעם, וכמו"כ הרבה פעמים - אזי לעולם לא יאמרו; שאם טימא עצמו כ"כ פעמים אזי אין טבילתו מועיל לו כלום - לא! כי הכל יודעים שסגולת המקוה כך היא; שתמיד היא מטהר את הטמאים, יהיה איך שיהיה. אפילו אחר הרבה פעמים - כך "הקב"ה מטהר את ישראל" תמיד! אפילו אם עבר ונטמא הרבה פעמים ח"ו, אעפ"כ בכל פעם שבא ליטהר עצמו לפניו יתברך, אזי מטהר אותו בכל פעם מחדש:
*(מפי אחד מאנ"ש)*

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

*המשך מעמוד א'*

דער אייבערשטער, וואס פארגעסט קיינמאל נישט פון זיינע ליבע קינדערלעך, האט אונז שוין אבער מיט זיין גרויס רחמנות פון פאראויס פארזארגט מיט א גרייטער לעזונג: דהיינו, זיי מקיים דעם פסוק **'ולדבקה בו'!** - 'באהעפט זיך צום אייבערשטן'; אזוי ווי רש"י ערקלערט דארט אויפן פלאץ: **"הִדָּבֵק בתלמידים ובחכמים, ומעלה אני עליך כאילו נדבקת בו"** - "באהעפט זיך צו די תלמידים און צו די צדיקים; דאס וועט גערעכנט ווערן ווי דו ביסט זעלבסט באהאפטן אינעם אייבערשטן"! (דברים י"א, כ"ב, ובפי' רש"י שם).

וויל דאך דער מענטש יעצט וויסן: וואס טייטש 'זיך באהעפטן' צו א צדיק? וויאזוי פראקטיצירט מען דאס? אויף דעם איז דער תירוץ פשוט; די אפטייטש פון די ווארט 'התקשרות' און 'דביקות' איז **אהבה!** ווען די תורה הקדושה וויל פארלייגן די אויסערגעוועגליכע ליבשאפט פון יעקב אבינו צו בנימין'ען, דריקט עס די תורה אויס מיט די ווערטער: **"ונפשו קשורה בנפשו"**; אזוי ווי דער תרגום יונתן טייטש אויפן ארט: **"חביבא ליה כנפשיה"**.

מיר געפונען ביי די פריערדיגע חסידים, די תלמידי הבעש"ט והמגיד, איבערהויפט ביי די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן, אז אויסער די שייכות וואס זיי האבן געהאט צו זייער רבי'ן דורכ'ן מקבל זיין פון אים יראת שמים, עצות און הדרכה און מיט זייער שטארקע אמונה אין אים, האבן זיי פארמאגט עפעס מער פון דעם. נעמליך, זיי האבן ליב געהאט זייער רבי'ן אהבת נפש ממש! דער צדיק איז געווען שטענדיג איינגעבאקן ביי זיי טיף אין הארצן, זיי האבן שטענדיג גערעדט פון אים, געטראכט פון אים, געטון פאר אים, און אזוי ווייטער, פארוואס? וויבאלד אט דאס איז דער פשוט'ער באדייט פון 'התקשרות לצדיק'!

דעריבער קומען מיר צי צום אויספיר: דו ביסט ווייט פון 'השגת התורה'? דו וואלגערסט זיך נאך אין דיינע תאוות און מידות רעות נישט זעענדיג אויפן האריזאנט די טאג אין וועלכע דו וועסט נאך אמאל זוכה זיין צו קענען משיג זיין סודות התורה? - איין עצה איז פאראן: זיי מקשר דיין נפש צום צדיק, האב אים ליב, פריי זיך מיט אים, דאַן, לויט די שמחה און התקשרות צום צדיק, אלץ מער וועסטו נכלל ווערן אין אים און זוכה זיין אנצוקומען צו וואס דו דארפסט זוכה זיין.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט קלאר: "ווען א מענטש איז מקושר און באהאפטן צו א צדיק, דאן ווערט ער ממש איבערגעדרייט צו די מהות פונעם צדיק אליין! ער ווערט זעלבסט א טייל פון אים...!" (ליקו"מ קכ"ט).

אט דאס איז אקוראט די אויסטערלישע שמחה אין ל"ג בעומר. וויבאלד יעדעס יאר אין דעם טאג קומט פאר די הילולא, די חתונה פון רשב"י - אין וואס דער הייליגער תנא גייט ארויף גאר הויעך, באגרייפנדיג נייע און העכערע תורות און השגות; דאס איז דער טאג פון זיין פערזענליכע שמחה, (וואס אט די עליה ווערט אנגערופן זיין פערזענליכע 'הילולא', זיין 'חתונה', וויבאלד די תורה ווערט אנגערופן 'כלה' כידוע).

דעריבער, פרייען מיר זיך מיט מיט זיין שמחה, וויבאלד, די ליבשאפט וואס מיר פארמאגן צום צדיק, אט דאס ברענגט אונז זיך מיטצופרייען מיט אים! פארוואס? פשוט; ווייל דעם ווענען איך האב ליב - מיט אים פריי איך זיך מיט מיט זיין שמחה! און דורכדעם ווערן מיר אלץ מער א חלק פונעם צדיק זעלבסט, אנקומענדיג גלייכצייטיג צו וואס מיר דארפן באמת זוכה זיין, און צו זיין באמת נאנט צום אייבערשטן.

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

## דער באגעגעניש אין מערת הרשב"י

די אידן פון האלאנד האבן געלעבט גאנץ א רואיג לעבן, ביז דער טאג וואס די דייטשן ימ"ש האבן איר איינגענומען, באאויפטראגנדיג די אידן זיך ארומצוטראגן מיט די 'געלע לאטע' ארום זייער ארעם. א שטיק צייט שפעטער האבן זיי אנגעהויבן מיט די מאסן דעפארטירונגען קיין אוישוויץ.

דער יונגער בחור'ל יצחק אייזיק זילבערמאן, א אייניקל פון ראפשיצער רב, וואס איז געבוירן אין גאליציע צו א רייכע משפחה וואס האט זיך אריבערגעצויגן שפעטער קיין דייטשלאנד צוליב געשעפטן און דערנאך איבערגעזידלט קיין האלאנד נאך וואס דער צורר היהודים, היטלער ימ"ש, איז אויפגעשטיגן אויפן בענקל - איז אויך ארויפגעפירט געווארן מיט זיינע עלטערן און געשוויסטער אויף די בהמות וואגאנען וואס האט זיי אפגעפירט קיין אוישוויץ.

ביי די טויערן פון אוישוויץ זענען זיי ברוטאל פונאנדערגעשיידט געווארן איינער פונעם צווייטן. דארט האבן די געסטאפא אריינגעגליעט די 'נומערן' אין זיין פלייש, פון דעמאלטס אן האט זיך זיין לעבנסשטייגער גענצליך געביטן. היות ער איז נאך געווען יונג און פריש, איז ער אפגעשיקט געווארן צו די ארבעטס לאגערן. דריי יארן האט ער מיטגעמאכט די שווערע ארבעט דארט וואו 'הונגער' איז געווען א טייל פונעם לעבן. די עס. עס. אויפזעער, וואס האבן זיך גענויטיגט אין די ארבעט'ס כוחות, פלעגן צוואווארפן פון מאל צו מאל א ביסן פארשימלטע ברויט אדער עפעס א געדיכטע שמוציגע זופ. די אומשטענדן זענען געווען אומדערטרעגליך.

אין יאר תש"ה, ווען די דייטשן האבן אנגעהויבן צו כאפן אז זייער סוף איז נאנט, זענען זיי אנטלאפן פון דעם לאגער, מיטנעמענדיג די איבערגעבליבענע לעבעדיגע סקעלעטן אויף דעם טרויעריג בארימטן 'טויט מארש', מיט איין ציל; צו פארטיליגן די איבערגעבליבענע שארית הפליטה. זיי האבן געריטן אויף פערד, צווינגנדיג די אויסגעפלאגטע אידן צו מארשירן טאג און נאכט. ווער ס'איז שטעקן געבליבן אדער מארשירט פאמעליך, איז געשאסן געווארן אויפן ארט. אין א געוויסע פונקט, האט ר' יצחק אייזיק געשפירט אז זיינע כוחות לאזן זיך שוין אויס. אלץ די לעצטע ברירה האט ער זיך ארויסגעשלייכט פון די גרופע און זיך אויסבאהאלטן צווישן א הויפן שטרוי אין א דערנעבנדיגן פעלד. פון הימל האט מען געהיטן אויף אים, און די רשעים האבן נישט באמערקט אין זיין אפוועזנהייט.

יצחק אייזיק איז געראטעוועט געווארן און האט איבערגעלעבט די מלחמה מיט ניסי ניסים, אבער עלנד אליין פון זיין גאנצע משפחה. זיין גייסט איז געווען צובראכן אויף פיצלעך. ער האט זיך אומגעקערט קיין האלאנד אויף עטליכע יאר. דארטן, אין א באהעלטעניש, האט ער געטראפן א גרויסע סומע געלט וואס זיין טאטע האט נאך עספיעט אויסצובאהאלטן פאר'ן קריג, וואס די דייטשע רשעים האבן ב"ה נישט באוויזן צו לייגן א האנט דערויף.

אין יאר תשי"א, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל, ער האט זיך באזעצט אין דעם גרויסן פרייען שטאט 'תל אביב', וואו ער האט צום גרויס באדויערן אפגעפירט א לעבן ווייט פון אידישקייט.

דער אייבערשטער, וואס האט אבער נישט פארגעסן פון אים - האט אזוי צוגעפירט, אז איין טאג באגעגנט אים איינער - "איך פאר קיין מירון", דערציילט אים יענער, "אפשר קומסטו מיט מיר?" ער האט איינגעשטימט דערויף. נאך א לאנגע רייזע, קומען זיי אן צום אריינגאנג פון די מערה פון דעם גרויסן תנא רשב"י. יצחק אייזיק האט זיך אפגעשטעלט ביים טיר אינגאנצן באגייסטערט, די גרויסע קדושה וואס האט געהערשט דארט אין שאטן פונעם הייליגן תנא רבי שמעון האט אים גענצליך איבערגענומען און אים איינגעוויקלט אין א העכערע אטמאספערע.

בשעת ער שטייט דארט פארטראכט, דערנענטערט זיך צו אים א איד מיט א ליכטיגן געשטאלט און שטרעקט אים אויס די האנט מיט א ווארעמע שלום עליכם. יענער האט מיט אים גארנישט גערעדט, ער האט אים ניטאמאל פארגעשלאגן צו דאווענען אדער זאגן א קאפיטל תהילים, אבער די ווארעמקייט און הארציגקייט וואס יענער האט אים געגעבן האט אויפגעלאזט זיין הארץ.

צוריקקומענדיג קיין תל אביב, איז אים נישט ארויס פון קאפ די געשטאלט פון יענעם וואונדערליכער איד, ער האט שטארק געגארט צו קענען ווידעראמאל באגעגענען יענעם איד'ל. א יאר איז פארביי, ווידער איז ער געפארן קיין מירון, פול מיט האפענונג אז ער וועט ווידער אנטרעפן יענעם מענטש. צו זיין גרויס גליק טרעפט ער אינעווייניג אין די מערה אט די לעכטיגע צורה וואס שרייט ארויס איין שטיק גוטסקייט. ער גייט צו צו אים, אבער דער איד'ל געדענקט אים שוין נישט. ווען יענער הערט אז ער וואוינט אין תל אביב, זאגט ער אים: "קום ארויף צו מיר אויף א באזוך, איך וואוין גאנץ נאנט צו דיר, אין יפו, אויף רחוב 'רבי חיים בן עטר'".

א שטיק צייט גייט אריבער, אין איינע פון די טעג, ווארטנדיג ביי די באס סטאנציע, ווערט ער איבערראשט זעענדיג פאר זיינע אויגן דעם איד ווען ער זוכט שוין אזוי לאנג האבנדיג פארלוירן זיין אדרעס. דאס מאל האט אים שוין יענער איד'ל דערקענט, ער גייט צו צו אים מיט א פריינטליכקייט, און צוזאמען זענען זיי געפארן צו יענעם אין שטוב, וואס ער איז שוין אינדערצווישן געוואויר געווארן זיין נאמען, רבי ישראל בער אודסר ז"ל, א ווארעמע פארצייטישע ברסלב'ע חסיד. ר' ישראל בער האט גערעדט מיט אים פייערדיגע 'דיבורים' פון רבי'ן, אויפפלאמענדיג דערביי זיין פארלאשענע הארץ צום פאטער אין הימל, בשעת יצחק אייזיק זיצט און קוועלט, שלינגנדיג מיט דארשט יעדעס ווארט.

אין רעזולטאט פון דעם באגעגעניש, איז יצחק אייזיק פארוואנדלט געווארן צו א רעכטפארכטיגער איד, א חסיד מיטן גאנצן הארץ. ער איז געווען פון די איינציגע וואס האבן געזארגט אין די תקופה פון נאכ'ן קריג צו דריקן און פארשפרייטן דעם רבי'נס ספרים, שפענדנדיג דערויף כמעט זיין גאנצע אוועקגעלייגטע פארמעגן וואס ער האט געהאט מיטגענומען מיט זיך.

אזוי אויך איז ער געווען דער וואס האט אריינגעשטעלט אינעווייניג אין די מערה פון רשב"י, די באוואוסטע מאמר 'לכו חזו' איבער די גרויסקייט פון רשב"י, וואס ווערט אראפגעברענגט אנפאנג אין ספר 'ליקוטי מוהר"ן' - איינגעקריצט אין א מארמארענעם שטיין, וואס שטייט נאך דארט ביזן היינטיגן טאג.


ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר **שלמה דוב לעפקאוויטש** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל אירוסי בתו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **נתנאל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל הילולת הרשב"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **נחמן ברילל** הי"ו
לעיקוואוד
**שתרם 500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **הערשל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הכנסת בנו לעותומ"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **מנחם פירטה** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לרגל תגלחת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

**קול משיב לשואל**
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
**718.362.8870**

**ספרי ברסלב** למכירה
בארא פארק
כל ספרי ברסלב במחירים נוחים
**ביהמ"ד ברסלב** 5504 16 av.
**ז. בערמאנ'ס ספרים** 4602 17 av.
**פאר האלסעיל רופט:** 347.362.3644